# „פֿאַר'משפּט צו גאונות"

בײַם פֿרישן קבר פֿון הרב יוסף־דוב סאָלאָווייטשיק. – אַ פֿאַרהערלעכט הויפּט־געשטאַלט אינעם „אידישן אַמעריקע". – עפּעס וועגן זײַן אומפֿאַרגלייכלעכער אויסנעמלעכקייט.

פֿון ש. לייכטער

נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט אונז עמעצער דערציילט אַ מין טשיקאַווע „אַנעקדאָט". ס'האָט געהייסן, אַז ווען אַ פֿרישער **סאָלאָווייטשיק** איז געקומען אויף דער וועלט, האָבן טייל אַרומיקע געשאָקלט די קעפּ מיט באַוואונדערונג און **באַדויער**. זיי האָבן געזאָגט: אָט איז נאָך איינער, וועלכער איז **פֿאַראורטיילט** צו גאונות – זינט דער ערשטער סעקונדע, ווען ער האָט דערזען די ליכטיקע שײַן...

פֿאַרוואָס עפּעס „באַדויער"? ווײַל קלוגע לײַט, פֿון דער טיף־אידישער אַנאָנימקייט, האָבן געדענקט אַ באַשטימטן פּרט, וועלכער איז שוין היינט אַזויווי פֿאַרגעסן־געוואָרן. דהיינו: אַז **געניאַלקייט** איז נישט בלויז אַ מתּנה און פּריווילעגיע, וועלכע זײַן ליבער נאָמען האָט צוגעטיילט פֿאַר ווייניק אויסגעקליבענע. נאָכמער איז דאָס אַ **גרויסער און שווערער יאָך**, וואָס נישט יעדער געבענטשטער איז אים מסוגל אויסצוטראָגן און נישט געשטרויכלט־ווערן (דאָס איז אייגנטלעך אַ געדאַנק, וועלכער וואָרצלט אין אַ תּלמודישער אגדה).

וויבאַלד אַזוי, איז גענוג קלאָר: ווען אַ קינד ווערט געבוירן און גלייך פֿון וויגל אָן איז באַשטימט, אַז עס מוז אויסוואַקסן אַ גאון, דאַרף מען דערויף „רחמנות־האָבן". ס'איז גלייך אַזויווי מ'וואָלט עס דערמיט אָנגעהאָנגען אַ מילשטיין אויפֿן האַלז...

אויב **דאָס** איז טאַקע אמת, אָדער בלויז אַ „פֿאַרליבטע" אויסטראַכטעניש, מעג געזאָגט־ווערן: די משפּחה סאָלאָווייטשיק איז אַזויווי געבוירן־געוואָרן צום „פּראָדוצירן" גרויסקייט דורות נאָכאַנאַד. ס'האָט אַפֿילו נישט קיין זין צו גריבלען זיך אין דער פֿראַגע **ווער** און **וואו** ס'האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ „פּסק־דין".

ס'זײַנען שוין אַוודאי פֿאַראַן אויספֿירלעכע מאָנאָגראַפֿיעס וועגן די **פֿאַרשידענע** סאָלאָווייטשיקס, וועלכע האָבן אויפֿגעלויכטן איבערן אידישן לעבן אין די לעצטע 150 יאָר. טאָמער נישט, וועט זי נאָך מסתּמא געשריבן ווערן. לשם אילוסטראַציע וועלן מיר בלויז דערמאָנען, אַז איין סאָלאָווייטשיק איז געווען אַ מיניסטער אין דער ליטווישער רעגירונג צווישן בײדע וועלט־מלחמות. ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פֿון דער אידישער ענציקלאָפּעדיע אין דײַטש. אין ישראל האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט תּנ"ך־פֿאָרשונג. אַ צווייטער סאָלאָווייטשיק איז געווען אַ באַרימטער כירורג אין פּוילן און חולאים האָבן צו אים געצויגן פֿון דער גאָרער וועלט.

אָבער דאָ וועלן מיר זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דעם תּורה'דיקן טייל פֿון דער משפּחה. שוין דער ערשטער ר' יאָשע־בער סאָלאָווייטשיק – דער עלטער־זיידע פֿונעם איצטיקן נפֿטר – איז געווען פֿון די סאַמע־גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער „אַמאָליקער" וועלט פֿון לומדות; פֿריער ווי דער ראש הישיבה פֿון וואָלאָזשין און שפּעטער ווי סלוצקער רב. ער איז אַוועק פֿון דער וועלט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק.

דער זון פֿון ר' יאָשע־בערן איז שוין געבוירן געוואָרן, ווען דער פֿאָטער איז געווען דער רב פֿון בריסק. ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט גענוי־ע 140 יאָר צוריק; און נאָך גאָר יונג אויסגעקלונגען געוואָרן מיט זײַן באַזונדערן לערן־סיסטעם. „ר' חיים בריסקער" איז געווען (און פֿאַרבליבן) אַ לעגענדאַרישער נאָמען בײַ פֿרום און בײַ פֿרײַ. אויך זײַנע צוויי זין זײַנען געווען פֿאַרהערלעכטע רבנים און ראשי־ישיבה. ר' וועלוועלע האָט איבערגענומען די בריסקער רבנות־שטול פֿונעם פֿאָטער. דאַקעגן ר' משה האָט אויסגעוואַנדערט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און דאָ אויפֿגעשטעלט אַ דור פֿון לומדים.

אָבער דאָס אַלץ איז וואָויל־באַקאַנטע כראָניק, וועלכע קאָן געשילדערט ווערן מיט מער באַהאַוונטקייט פֿון אַנדערע. דאָ ווילט זיך בלויז עפּעס זאָגן וועגן דעם זון פֿון ר' משה סאָלאָווייטשיק, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין באָסטאָן מיט אַרום זעכציק יאָר צוריק.

„דער צווייטער ר' יוסף־בער", אַ געבוירענער אין פּוילן, האָט אַביסל „אָפּגענויגט" פֿון זײַנע עלטערנס דרך; הגם קיינער האָט חלילה נישט געהאַט קיין ספֿק אין זײַנע הלכה־קענטשאַפֿטן, אָדער פֿרומקייט.

הרב יוסף־דוב סאָלאָווייטשיק איז – אין זײַנע פֿרי־רײַפֿע יאָרן – אַוועק קיין בערלין, בכדי צו שטודירן **וועלטלעכע** לימודים. דערמיט איז ער געווען אַן אויסנאַם אין זײַן רבנישער משפּחה. בעת זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע איז זײַן געשטאַלט געווען גאָר אַ זעלטענע דערשײַנונג; שוין בלויז דערמיט וואָס עד איז דאָ געווען (אַזוי דוכט זיך) דער סאַמע־ערשטער, וועלכער האָט געטראָגן בײדע קרוינען – פֿון רבנישן וויסן און געניטשאַפֿט אין „דרויסנדיקער" געלערנטשאַפֿט – אין אומגעוויינטלעכער האַרמאָניע. איינע האָט נישט געשטערט דער צווייטער אַפֿילו אויף אַ האָר.

ר' יוסף־דוב איז דאָ געוואָרן „דער רבי פֿון רבנים" במשך פֿון צענדליקער יאָרן; ווײַל טויזנטער פֿון זיי האָבן „געשעפּט תּורה און חכמה פֿון זײַן מויל". דערנאָך האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע און אַנדערע לענדער. שוין דערמיט אַליין האָט ער געלייגט גאָר אַ קאָנטיקן (און אייגנאַרטיקן) סטעמפּל אויפֿן „מאָדערנעם" טייל פֿון דער היגער אָרטאָדאָקסיע.

אָבער אויך **דאָס** געהערט שוין צו דער וואויל־באַקאַנטער „כראָנאָלאָגיע" וועגן אים; און דאָ זײַנען מיר דערווײַל בלויז אויסן עטלעכע שטריכן פֿון זײַן אויסנעמלעך געשטאַלט. ער האָט זייער גוט געוואוסט ווי ווײַט (מילד געזאָגט) זײַנע צוויי גאונישע פֿעטערס – ר' וועלוועלע אין ירושלים און ר' משה פֿײַנשטיין אין ניו־יאָרק – זײַנען פֿונעם אָרגאַניזירטן ציוניזם. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט – ווי אַן **איש־אמת** – צו אידענטיפֿיצירן זיך מיטן **רעליגיעזן ציוניזם**; הגם ער איז געבליבן ווײַט פֿון יענער איינגעקלאַמערטער **פּאַרטייאישקייט**, וואָס אַזוינס האָט אָפּט פֿאַרלאַנגט.

ער האָט אויך נישט אויסבאַהאַלטן זײַן גרויסע ליבשאַפֿט און זאָרג פֿאַר מדינת ישראל און אירע שפּיצן; כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעזאַגט... ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוריקגעהאַלטן פֿון אויסדריקן קריטישע מיינונגען – אויף זײַן איידל־טאַקטישן שטייגער – ווען ער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר נויטיק. אויך זײַן ליבשאַפֿט צו מדינת ישראל האָט ער דעמאָנסטרירט מיט דער גאַנצער אָפֿנקייט; הגם דאָס איז אַוודאי נישט געווען צום האַרץ זײַן באַליבטן פֿעטער ר' וועלוועלע, וועמען